בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת נָשֹׂא

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי<br>**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | היכל הקודש וויליאמסבורג<br>**Heichal Hakodesh Williamsburg**<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| היכל הקודש קרית יואל<br>**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | היכל הקודש קרית יואל<br>**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**<br>8 Premishlan Way<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| היכל הקודש בארא פארק<br>**Heichal Hakodesh Boro Park**<br>1011 41st Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | היכל הקודש מאנסי<br>**Heichal Hakodesh Monsey**<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵק מַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען?.....א
דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי קִינְדֶער?.......ה
מֶעג מֶען הֶערְן דִי נִיגוּנִים פוּן ר' שְׁלֹמֹה קַארְלִיבַּאךְ? ................ז
ווִי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ מְלַמֵד שְׁטַארְקְן אִין שְׁמִירַת הַזְמַנִים?..........ט
וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתַנִים? ............יב
ווִי אַזוֹי לֶעשְׁט מֶען אַן עַיִן הָרָע?........................................יד


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס מֵיינְט טַאטֶע מַאמֶע ........................................................א
זִיךְ גֶעפוּנֶען דָאס פְּלַאץ סֵיי וואוּ מֶען אִיז נָאר ......................ב
עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ ..........................................................ג
צוּזַאמְנֶעמֶען דִי מֵיידְלֶעךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.........................ד
לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט..............................................ה
עֶס וֶוערְט גְרִינְגֶער אוֹיפְ'ן הַארְצְן וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָׁנָה..............................................ז
זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּרִיק שְׁלֶעפְּן צוּ דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים.................ז
ווִי אַזוֹי צוּ פוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי וַוייבּ........................................ח
בְּרֶסְלֶב שְׁטִיצְט בְּרֶסְלֶב ......................................ט
וֶוען דֶער טַאטֶע זָאגְט אֵיין זַאךְ אוּן דִי מַאמֶע זָאגְט אַנְדֶערְשׁ.... י

אָפְּדרוּקְן די בְּריוו וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער ............. י
אִיךְ בִּין גוּט מִיט דִיר, אָבֶער מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן מַיין רֶבִּי......יא
זַיי מְכַבֵּד סֵיי דַיין טַאטֶע אוּן סֵיי דַיין מַאמֶע..........................יא
אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי פַּארְטִי..........................................יב
אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין
צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן ..............................................................יג
קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר .............................................יג
קִינְדֶער פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער זֶעעֶן אוֹיס ווִילְד, אָבֶער זֶענֶען
גָאלְדֶענֶע קִינְדֶער ............................................................יד
ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ פְרוֹיעֶן וֶועגְן דִי פַּארְטִי ........................טו
מֶען דַארְף גֵיין מִיט חָכְמָה צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן ......................... טז
מֶען קֶען בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל.................................................... טז
גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן לֵיצָנוּת.....................................................יח
דוּרְךְ אֱמוּנָה שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ בַּאשׁוּצְט אוּן רוּאִיג...................יט
הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען ......................כ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַזֵּק זַיין מַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר, נָאר מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע עִנְיָנִים, וּבִפְרַט זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו ווי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַז מַיין טָאכְטֶער זָאל וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן בְּרִיוו].

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פַאר מַיין פֶערְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר'ל וָואס הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין רוּחָנִיּוּת, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, עֶר הָאט נָאר לִיבּ "עֶקְשָׁאן" מִיט עוֹלָם הַזֶה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט אַז דַיין זוּן וִויל מַאכְן אַ לֶעבְּן, עֶר וִויל שְׁפִּילְן אוּן הָאבְּן פַארְגֶענִיגְן; לָאז אִים זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער. קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט לֶערְנֶען; מֶען דַארְף מִיט חָכְמָה זַיי צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס מַאכְן גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט טַעַם. מֶען דַארְף זֵיי בַּאלוֹינֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן פַאר׳ן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זֵיי אוֹיסְלוֹיבְּן וֶוען מֶען זֶעט בַּיי זֵיי

גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט זֵיי שְׁלֶעפְּן צוּ טוּן נָאךְ גוּטְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּק גוּט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, נָאר אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיר אוֹיסְהֶערְן. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז:): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה, וְיָמִין מְקָרֶבֶת"; וֶוען עֶס קוּמְט מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אָדֶער תַּלְמִידִים, אֲפִילוּ מֶען דַארְף אַמָאל זָאגְן מוּסָר - דַארְף דָאס זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין, מֶען דַארְף גֶעבְּן מֶער חִיזוּק אוּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אַוֶועקְשְׁטוּפְּן.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר.

...

**אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן אַ לֶעבְּן, בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין טַאטֶע שְׁרַייבְּט מִיר זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר, אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּג קִינְד, אַ פְרֵיילִיךְ קִינְד, נִישְׁט קַיין פַארְשְׁלָאפֶענֶער; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַן עֵסֶק, דוּ בִּיסְט וַוייט פוּן זַיין אַ בַּטְלָן, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַז מֶען הָאט לִיבּ צוּ מַאכְן אַ לֶעבְּן.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט אִין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען; אַמָאל בַּאקוּמְט מֶען דָאס נָאךְ אֵיין מָאל בֶּעטְן, אַמָאל נָאךְ צְוֵויי מָאל אוּן אַמָאל דַארְף מֶען אַבִּיסְל וַוארְטְן, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים, מֶען בַּאקוּמְט וָואס מֶען בֶּעט.

אִיךְ וֵוייס מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, זֵיי

הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט; זֵיי פְּלֶעגְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר שְׂפַּראךְ, אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי הֶעלְפְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, זֵיי הָאבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי ווִילְן. אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייס אִיךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הָאבְּן שֵׁיינֶע קַארְס, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווּאוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁעְן, זֵיי הָאבְּן שֵׁיינֶע בַּאקְוֶועמֶע קַארְס. אַזוֹי זֶענֶען דָא טוֹיזְנְטֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַלֶע סָארְט בַּקָּשׁוֹת ווִי מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן דוּרְכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען דוּ שְׁפִּילְסְט אַ שְׁפִּיל מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים אוּן דוּ ווִילְסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דַיין צַד זָאל גֶעווּאוּנֶען דֶעם שְׁפִּיל, זָאלְסְטוּ אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל בֶּעטְן אַ שְׁטִילֶע גֶעבֶּעט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל גֶעווּאוּנֶען דֶעם שְׁפִּיל, הֶעלְף מִיר, הֶעלְף אוּנְזֶער זַייט מִיר זָאלְן גֶעווּאוּנֶען"**, וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט גֶעשֶׁעְן ווּאוּנְדֶער אוּן דַיין צַד וֶועט גֶעווּאוּנֶען דֶעם שְׁפִּיל. נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַז דוּ ווִילְסְט גֵיין אִין אַ פְּלַאץ שְׁפִּילְן אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַהִין צוּ גֵיין, אָדֶער דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט דוּ זָאלְסְט גֵיין אַהִין, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאךְ אַ נֵס אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ וֶועג צוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן; הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן מִיר לָאזְן גֵיין"**, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט גֶעשֶׁעְן נִיסִים, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ וֶועג; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן, זֵיי וֶועלְן מִיט גֵיין מִיט דִיר.

אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כב) אַז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן אוּן עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע מַאמֶע, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יָא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ", וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶסְן פוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**מַאךְ פְרֵייליךְ דַיין טָאכְטֶער, וֶועט זִי וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת׳דִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין טָאכְטֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס זִי ווִיל נִישְׁט גֵיין מִיט אַ צָאפּ; פְרֵיי זִיךְ אַז זִי גֵייט מִיט צַאמְגֶענוּמֶען הָאר, אַז דִי הָאר אִיז צַאמְגֶענוּמֶען (פָּאוֹנִי) אִיז דָאס נִישְׁט אַ חִסָּרוֹן אִין צְנִיעוּת; כָּל זְמַן דִי הָאר אִיז שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען אִיז עֶס צְנִיעוּת׳דִיג.

הֵייבּ דַיין טָאכְטֶער, מַאךְ אִיר פְרֵייליךְ; אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵייליךְ וֶועט זִי נִישְׁט אָפְּלָאזְן צְנִיעוּת. אַלֶע וָואס לָאזְן אָפּ צְנִיעוּת אוּן טוּעֶן זִיךְ אָן נִישְׁט ווִי מֶען דַארְף זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְטֶע מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, זֵיי זוּכְן וָואס זָאל זֵיי פְרֵייליךְ מַאכְן; זֵיי מֵיינֶען נֶעבֶּעךְ אַז זַיין נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג מַאכְט פְרֵייליךְ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, לָאז אָפּ דַיין טָאכְטֶער; זִי אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיס מֵיידְל אוּן דוּ דַארְפְּסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זִי זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אֵיידְל, דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר פְרֵייליךְ מַאכְן, נָאר רֶעדְן שֵׁיין אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

דֶער בְּרִיוו אִיז אַ הַמְשֵׁךְ צוּם פָאלְגֶענְדְן בְּרִיוו:

**שִׂמְחָה נֶעמְט עֶר אַוֶועק אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחֻקוֹתַי, י״ח אִיָּר, לַ״ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳.**

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר בַּאקוּמְט אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה; אִיר מִיט נָאךְ מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי חִיזוּק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִיר זָאלְט זֶען צוּ זַיין פְרֵייליךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין

שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און אַוֶועק נֶעמֶען פון זִיךְ די עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחְלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. און דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ די דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פון נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ און שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פון זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יְסוּרִים.

הֶערְט'ס לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק יֶעדְן טָאג; טַאנְצְט און שְׁפְּרִינְגְט אַז אִיר זֶענְט אַ אִיד.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.]

...

## דַארְף מֶען רֶעדְן שַׁיין און זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר די קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף די בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ און מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ דֶעם קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' דֶערְמִיט, און מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ לֶעבְּן אוֹיף דֶעם וֶועג, הַלְוַאי זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּן מֶער בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיקְל וִכּוּחַ מִיט מַיין וַוייבּ אִיבֶּער וֶוען מֶען בֶּעט עֶפֶּעס פון אַ קִינְד אוֹיבּ מֶען זָאל זָאגְן "בִּיטֶע" און "יִישַׁר כֹּחַ". אִיךְ הַאלְט אַז וֶוען עֶלְטֶערְן בֶּעטְן עֶפֶּעס פון אַ קִינְד דַארְף מֶען נִישְׁט בֶּעטְן מִיט "בִּיטֶע" און מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאדַאנְקֶען, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הַאלְט אַז יָא, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וואוּנְטְשְׁן אַ מַזָל טוֹב צוּם גֶעבּוּרְט פון אַייעֶר אֵיינִיקְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן פִיל אִידִישׁ נַחַת פון אַלֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף די בִּילְדֶער פוּנֶעם בְּרִית אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען "קְוַואטֶער", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער עִנְיָן צוּ זַיין קְוַואטֶער, און וָואס אִיז דֶער עִנְיָן

דֶערְפוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳ - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ה׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט חִיזוּק פוּן דִי בְּרִיוו; דוּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי בְּרִיוו. וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו אִיז נִישְׁט מַיינְס, אַלֶעס אִיז גֶענוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר ״אֲשֶׁר בַּנַחַל״ וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ וְויל אוֹיךְ שְׁרַייבְּן מֶער, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁרַייבְּן אוּן עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע בְּרִיוו וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ קִינְדֶער וְכוּ׳; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט מִיט׳ן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער. מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען אוּן זִיכֶער צוּ דִי קִינְדֶער, וַוייל וְוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אַזוֹי וֶועלְן זֵיי רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע. קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיין אוּן מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען. אַזוֹי וְוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): ״שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא - אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ״, וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דִי טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וְוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ - וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער אִים נָאכְמַאכְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, וַיִּשְׁלַח, ז) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לד, א): ״וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה״, דִינָה אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זִיךְ דְרֵייעֶן אִין דִי גוֹי׳שֶׁע גַאסְן, פַאַרְוָואס רוּפְט מֶען אִיר ׳בַּת לֵאָה׳ - דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה, פַאַרְוָואס נִישְׁט דִי טָאכְטֶער פוּן יַעֲקֹב? נָאר ווִיבַאלְד זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וֶועגְן פוּן אִיר מַאמֶע, זִי הָאט גֶעזֶען אִיר מַאמֶע אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס אִיז זִי אוֹיךְ אַרוֹיס אִין גַאס, פוּן דֶעם זֶעט מֶען וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: ״כְּאִמָּה - בִּתָּהּ״, אַזוֹי וְוי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי קִינְדֶער.

קְרִיג זִיךְ נִשְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, מַאךְ נִשְׁט קַיין וִיכּוּחִים. מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן: ״מִיט אַ פְרוֹי גֵייט מֶען נִשְׁט אִין וִיכּוּחִים״; בִּפְרַט אִין דַיין פַאל אִיז זִי דָאךְ גֶערֶעכְט, אַוַדַאי דַארְף מֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי.

בְּנוֹגֵעַ קְוַואטֶער וְכוּ׳; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קְטֹרֶת (אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן [כְּרִיתוּת ו:] דֶער לָשׁוֹן פוּן קְטֹרֶת אִיז דָבָר שֶׁ׳קוֹטֵר׳ וְעוֹלֶה), הֱיוֹת אַ בְּרִית אִיז אַזוֹי וִוי מַקְטִיר זַיין קְטֹרֶת, פוּן דֶעם אִיז דֶער וָוארְט קְוַואטֶער אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז קְוַואט-טֶער אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן כָּבוֹד - טִיר, אַז דֶער כִּיבּוּד אִיז בַּיים טִיר וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם קִינְד. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ סְגוּלוֹת אִין דֶעם, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסוּגָל פַאר עֲשִׁירוּת.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## מֶעג מֶען הֶערְן דִי נִיגוּנִים פוּן ר׳ שְׁלֹמֹה קַארְלִיבַּאךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דֶעם וָואס אִיר נֶעמְט זִיךְ דִי מִיה אוּן עֶנְטְפֶערְט שְׁאֵלוֹת פַאר יֶעדְן שׁוֹאֵל, וָואס אִיךְ גְלֵייבּ אַז דָאס קָאסְט אָפּ אַסַאךְ כֹּחַ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

פַאר בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין צְפַת, אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעדַאוֶוענְט בַּיי אַ 'קַארְלִיבַּאךְ מִנְיָן', אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶעם טַעַם דָארְט, אִיךְ וִויל צוּלֵייגְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לוֹיט אַלֶע גִדְרֵי הַהֲלָכָה, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן נִיגוּנִים וֶועלְכֶע הָאט מִיר גֶעטוֹישְׁט דִי גַאנְצֶע בְּלִיק אוֹיף דִי מַשְׁמָעוּת פוּן אַ אִיד אוּן פוּן שַׁבָּת וְכוּ', אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהַאט אֵיין פְּרָאבְּלֶעם 'מֶען הָאט דָאךְ נִשְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן אִים'?

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, פוּן אֵיין זַייט וֶוער אִיךְ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט אִיז עֶר זֵייעֶר אָפְּגֶעפְרֶעגְט בַּיי דִי חַרֵדִי'שֶׁע וֶועלְט. אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְמַאנְט ר' שְׁלֹמֹה אִיבֶּער זַיין שַׁיְיכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ,

און עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט צוּ הֶערְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָפְּגֶעפְרֶעגְט אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע נִיגוּנִים. וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר מַסְבִּיר זַיין אַבִּיסְל מֶער וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער אִים און צִי מֶען מֶעג טַאקֶע הֶערְן זַיינֶע נִיגוּנִים, וּבִפְרַט אַז דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן.

אַגַב, אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען פּוֹקֵד צוּ זַיין דֶעם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"ש צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן, אַ נְסִיעָה אוֹיף וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ פַארְבְּרֶענְגְט עֶלֶף שָׁעָה, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א' - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעטוּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר פַארְטֵיילְן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש פַאר בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ; בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזִינְגֶען דִי נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", דֶער נִיגוּן הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מְחַבֵּר גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אִין פֶעלְדֶער און אִין וֶועלְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם וַוייל אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; נִישְׁט דָא קַיין דוֹמֵם, נִישְׁט דָא קַיין צוֹמֵחַ, קַיין חַי און מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט; דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם בַּאקַאנְטְן תְּנוּעָה'לֶע.**

**נָאכְדֶעם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת**

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש צִי עֶר קֶען מַאכְן אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פְּרִישֶׁע תְּנוּעָה אוֹיף דִי וֶוערְטֶער; פוּן דֶעמָאלְט פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁטֶענְדִיג זִינְגֶען בֵּיידֶע תְּנוּעוֹת.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן אִים אִיז גֶעוֶוען וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר פְלֶעגְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וְכוּ'; אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי כְּלַל פוּן אַ מְנַגֵּן רָשָׁע (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג). דוּ קֶענְסְט וַוייטֶער הֶערְן זַיינֶע נִיגוּנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ מְלַמֵּד שְׁטַארְקְן אִין שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען, וִוי אַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט אַוֶועק אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער.

יֶעצְט וִויל אִיךְ בֶּעטְן חִיזּוּק אוֹיף שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים, אִיךְ בִּין בְּטֶבַע אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְמַאנְט כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט אַז אַ מְלַמֵּד זָאל זַיין צַייטְלִיךְ. יֶעצְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעעֶפְנְט בָּרוּךְ ה' דִי חֲדָרִים דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ, אִיךְ דַארְף אָבֶּער חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם, וַוייל דָאס אִיז קֶעגְן מַיין נַאטוּר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאכְן אוֹיבְן אִין הִימְל, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת; אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען אִיז נִישְׁט צַייטְלִיךְ, מֶען

קוּמְט שְׁפֶּעט אָדֶער מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ב׳ מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ד): "מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מַנִּיחַ אֶת הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא", אַ מְלַמֵּד פוּן קִינְדֶער וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן לָאזְט אִיבֶּער דִי קִינְדֶער, "אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן", אָדֶער עֶר טוּט מִיט דִי קִינְדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן, "אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּתַלְמוּדָן", אָדֶער עֶר לֶערְנְט נִישְׁט מִיט זֵיי - אִיז עֶר אִינֶעם כְּלַל פוּן: "אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה׳ רְמִיָּה (יִרְמְיָה מח, י)".

אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין צַייטְלִיךְ; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הַאלְטְן קַיין זְמַנִּים זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפְּזָאגְן פוּן מְלַמְּדוּת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ): "וִויפִיל פַּארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִימּוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיפְ'ן טָאג אוּן אוֹיפְ'ן שָׁעָה, וִויפִיל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָּשׁ קְלֵיין גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ קֶענְסְט פַּארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט פַּאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער, וַוייל וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן אוּן יֶענֶער קֶען דָאס מוֹחֵל זַיין, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵּל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין".

נִישְׁטָא קַיין חִיזּוּק פַּאר דֶעם, דִי חִיזּוּק אִיז: "אָדֶער קוּמְסְטוּ צַייטְלִיךְ, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה"; אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן אַז זַיין פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט אַבִּי אַ פַּרְנָסָה, עֶר אַרְבֶּעט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זִיצְט מִיט נְשָׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִיז אִין כִּתָּה אוּן הֶערְט וִוי עֶר לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר וַוארְט צוּ זֶען וִוי דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען יָארְן לַאנְג אַ מְלַמֵּד פַּאר קִינְדֶער, דִי תַּלְמִידִים זַיינֶע דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין כִּתָּה, מֶען אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַריין גֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט אוֹיפְ'ן קוֹל אַזוֹי וִוי וֶוען אַ גַאסְט וָואלְט וֶוען אַריינְגֶעקוּמֶען אוּן מֶען ווִיל אִים וַוייזְן וִוי שֵׁיין מֶען דַאוֶונְט אוּן מֶען לֶערְנְט; מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

אַ אִיד דֶערְצֵיילְט (עַיֵין סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת, סִימָן מא) אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַמָאל אַ טוֹבָה פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואו מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָּארְלֶערְנֶען חוּמָשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ", אִיז דֶער אִיד גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, עֶר הָאט אַרַיין גֶעקוּקְט אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט פָאר דֶעם פָּסוּק פַאר דִי קִינְדֶער: "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב", יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, "מִשְּׁנָתוֹ", פוּן זַיין שְׁלָאף, "וַיֹּאמֶר", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אָכֵן", עֶס אִיז אֱמֶת, "יֵשׁ ה'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי כִּתָּה - "בַּמָּקוֹם הַזֶּה", אוֹיף דֶעם אָרְט, "וְאָנֹכִי", אוּן אִיךְ - אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוִויזְן אוֹיף זִיךְ - "לֹא יָדָעְתִּי", הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט. מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל; דֶער אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין 'גַן עֵדֶן', עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער פָּסוּק מֵיינְט אִים אַלֵיין, וִוי עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען דָאךְ רֶעדְן צוּ אִים'; אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

אַ מְלַמֵּד דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; וֶוען קִינְדֶער הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פְלַאקֶערְט עֶס אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ צוּ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי הֵייבְּן אָן מְקַנֵּא זַיין דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". ווייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת ווִיל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק, בִּפְרַט קִינְדֶער וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי,

הָאט דֶער מְלַמֵד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַּאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן דִי זְמַנִים, דוּ וֶועסְט זַיין צַייטְלִיךְ אוּן בְּשָׁעַת דוּ בִּיסְט מִיט דִי קִינְדֶער וֶועסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין זֵיי נָאךְ תּוֹרָה אוּן נָאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זְכוּתִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד (דָּנִיאֵל יב, ג)", וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם (בָּבָא בַּתְרָא ח:): "אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן אוּן בַּאשַׁיינֶען דִי וֶועלְט; אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים קוֹיפְט זִיךְ אַיין.

...

## וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר וִוי אִיר רֶעדְט זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן דִי חָתָן מַדְרִיכִים. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ חָתָן מַדְרִיךְ, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר חָתָן מַדְרִיכִים, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס אִיז יָא דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט חֲתַנִים - זֵיי אָנְגְרֵייטְן פַּאר'ן לֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ דַארְף דָאךְ הָאבְּן הַדְרָכָה צוּ ווִיסְן וָואס צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי", הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ דִיר הַדְרָכָה, זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתַנִים וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם צוּלֵייגְן אָדֶער אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דֶעם".

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִיר; אַז דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתַנִים - זֵיי אָנְגְרֵייטְן פַּאר'ן לֶעבְּן זָאלְסְטוּ מִיט זֵיי לֶערְנֶען וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן חַס וְשָׁלוֹם צוּלֵייגְן אָדֶער אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דֶעם, וַוייל אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אָדֶער מֶען לֵייגְט צוּ - אִיז דָאס גוֹרֵם אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט זֵיי קַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וַוייל דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דֶער הֵיילִיגֶער ווִילְנֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "אַז מֶען לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט מֶען אַ פּוֹרֵק עוֹל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אֵיינְמָאל מֶען לֵייגְט צוּ נָאךְ אֵיין זַאךְ, וֶוערְט פוּן תרי"ג מִצְוֹת תרי"ד - תָּרִיד, דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כז, מ): 'וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' - וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ', אַז מֶען לֵייגְט צוּ וֶוערְט מֶען אַ פּוֹרֵק עוֹל".

לֵיידֶער זֶענֶען דָא חֲתַנִים מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתַנִים פַּאלְשֶׁע לִימוּדִים, מֶען לֶערְנְט אוֹיס עֲבוֹדוֹת אוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ', וְכוּ'; דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ צֶעטֵיילְן, עֶס וֶוערְן פוּן דֶעם גֶט'ן, אוּן נָאכְדֶעם פַּאלְט מֶען אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַז דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט חֲתַנִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר וָואס דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט, אוּן וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר ווִיל זַיין פְּרוּמֶער פוּן דִי תּוֹרָה - אִיז אַזוֹי ווִי דֶער נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי, וָואס קוֹדֶם לֵייגְט מֶען צוּ צוּם צִוּוּי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן, אוּן דֶער נָחָשׁ הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ פָּנִים ווִי אַ 'פְּרוּמֶער' אוּן צוּגֶעלֵייגְט: 'לֹא תִגְּעוּ בּוֹ', אוּן דֶערְנָאךְ

אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן אָדָם וְחַוָּה, וָואס פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְקוּמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

וָואס דַארְף מֶען מֶער וִוי זַיין אַ פְּשׁוּטֶ'ער אִיד? עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט אַז מֶען לֶעבְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְט מִיט דִי תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## וִוי אַזוֹי לֶעשְׁט מֶען אַן עַיִן הָרָע?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ חַבְרְ'טֶע וָואס גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, אֵיינֶער וָואס לֶעשְׁט עַיִן הָרֶע'ס הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אוֹיף אִיר אַן עַיִן הָרָע וָואס הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק קוּמֶען כְּסֵדֶר, אֵיינֶער אִיז אִיר מְקַנֵא. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן עַיִן הָרָע אִיז אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן זָאגְן בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר, וֶוען מֶען זָאגְט דֶעם "יְהִי רָצוֹן", זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס מֶען רֶעכְנְט אוֹיס אִינֶעם יְהִי רָצוֹן: "שֶׁתַּצִּילֵנִי הַיּוֹם וּבְכָל יוֹם מֵעַזֵּי פָנִים וּמֵעַזּוּת פָּנִים, מֵאָדָם רָע, מִיֵּצֶר רָע, מֵחָבֵר רָע, וּמִשָּׁכֵן רָע, וּמִפֶּגַע רָע, מֵעַיִן הָרָע, מִלָּשׁוֹן הָרָע" - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט (סִידּוּר עֵת רָצוֹן, בַּיי דִי יְהִי רָצוֹן): וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי תְּפִלָּה וָואלְט מֶען דָאס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה; מֶען וָואלְט דָאס גֶעזָאגְט שְׁטַייט, מִיט אַ גֶעבֶּעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אָפְּהִיטְן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס וֶוערְן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם יְהִי רָצוֹן, דֶעמָאלְט

וֶועט מֶען וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עַיִן הָרָע אוּן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל תְּפִלָּה הֶעלְפְט אוּן טוּט מֶער אוֹיף ווִי יֶעדֶע אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט; נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא זִיכֶערֶע עֵצָה אוּן סְגוּלָה ווִי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט נָאךְ אַן עֵצָה פַאר עַיִן הָרָע (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, חֵלֶק א', מִכְתָּב קיב) אַ גְרִינְגֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן עַיִן הָרָע; אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען אוֹיסְגִיסְן זַאלְץ אוֹיפְ'ן שְׁוֶועל פוּנֶעם טִיר (דֶער עֶרְשְׁטֶער טִיר אַרַיין צוּ קוּמֶען פוּן גַאס), דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן צוּם מֶענְטְשׁ.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי הַצְלָחָה וָואס אִיר הָאט פַאר אַנְדֶערֶע אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן פַאר אַנְדֶערֶע וְכוּ', וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא מב.): "אֵין הַבְּרָכָה מְצוּיָה אֶלָּא בְּדָבָר הַסָּמוּי מִן הָעַיִן", דִי בְּרָכָה גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט; ווִי מֶער מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט - אִיז דָא הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס מֵיינְט טַאטֶע מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ב׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע דְרֵיי בְּרִיוְון.

אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר ווּאוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי וֶועלְן זִיכֶער טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר אַייךְ; אַז אִיר וֶועט שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי, אִיר וֶועט זֵיי זָאגְן אַז אִיר ווִילְט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועלְן זֵיי אַייךְ נִישְׁט אָפְּזָאגְן, זֵיי וֶועלְן אַייךְ הֶעלְפְן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

עֶס קֶען זַיין אַז זֵיי וֶועלְן אִין אָנְהוֹיבּ זָאגְן אַז אִיר זֶענְט יוּנְג אָדֶער אַז אִיר דַארְפְט קוֹדֶם עֶנְדִיגְן שׁוּלֶע וְכוּ׳, וְכוּ׳; אָבֶּער אוֹיבּ אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ חוּצְפָּה׳נֶען צוּ זֵיי, אִיר וֶועט שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועלְן זֵיי מִיט גֵיין מִיט אַייךְ.

קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן מֵיינֶען, קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט אוּן וֶועלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס מֵיינְט טַאטֶע מַאמֶע בִּיז זֵיי אַלֵיינְס וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ׳; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט טַעֲנָה׳ן מִיט עֶלְטֶערְן אוּן זִיכֶער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן רֶעדְן מִיט שְׁפֶּעט וֶוערְטֶער. אֲפִילוּ קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שְׁוֶוערֶע עֶלְטֶערְן אוּן נִישְׁט נָארְמַאלֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָּב מִיט כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִיר וָואס אִיר הָאט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶר כָּבוֹד.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ מִיט אַייעֶר תְּהִלִּים׳ל; אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט קוּקְן אַפָּאר מָאל

אִינֶעם בְּרִיוו צִי אִיךְ זֶע גוּט, אַז אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט הוּנְדֶערְט אוּן אַכְצְן מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים. נִישְׁט דָא קַיין סַאךְ מֵיידְלֶעךְ אִין אַייעֶר יָארְגַאנְג וָואס זָאלְן בִּכְלַל הָאבְּן אֵיין מָאל מְסַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים; זָאלְט אִיר וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אִינְמִיטְן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶר עָתִיד, וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידּוּכִים; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה סֵיי פַאר אַ בָּחוּר אוּן סֵיי פַאר אַ מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין **רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג"**.

בְּלַייבְּטְס אַ הֶעלְד, קוּקְטְס נִישְׁט אִין אַייעֶר חַבֶר'טֶעס טֶעלֶעפָאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ גֶעפוּנֶען דָאס פְּלַאץ סֵיי וואוּ מֶען אִיז נָאר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', יַבְנְאֵל.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ שִׁידוּךְ וָואס דֶער שִׁידוּךְ אַלֵיינְס גֶעפֶעלְט אִים זֵייעֶר, אָבֶּער הֱיוֹת עֶר דַארְף גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וִויל עֶר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁידוּךְ, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען דָאס פְּלַאץ אִין יֶענֶעם אָרְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נו; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קלט): "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זִיךְ טְרֶעפְן דָאס פְּלַאץ וואוּ אִימֶער עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, זַייטְס פְרֵייליךְ אוּן צוּפְרִידְן וואוּ אִיר גֶעפוּנְט זִיךְ, בִּפְרַט אַז אִיר וואוֹינְט אִין אַ הֵיילִיגֶע שְׁטָאט, אִיר וואוֹינְט אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב, דִי פְּלַאץ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; דַארְפְט אִיר זַיין פְרֵייליךְ אוּן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, מֵיינְטְס נִישְׁט אַז עֶס וָואלְט אַייךְ בֶּעסֶער גֶעוֶוען צוּ זַיין דָא וְכוּ'.

זָאגְטְס יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן וָואס לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאט גוּטֶע מִידוֹת.

פְּרוּבִּירְטְס אַרוֹיף צוּ גֵיין וָואס מֶער צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש; דָארְט זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אִיר זָאלְט בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, וֶועט אִיר בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

בֶּעטְס בַּיים צִיוֹן פוּן מוֹהֲרָא״ש אוֹיךְ פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ב׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שִׁיקְטְס אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין דִי עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת; עֶס וֶועט זֵיי גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ. דָא בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע לֶערְנְט מֶען עֶנְגְלִישׁ וַוייל דִי רֶעגִירוּנְג פַארְלַאנְגְט דָאס אָבֶּער דִי קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ, קֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט דִי שְׁפְּרַאךְ אוּן שְׁפֶּעטֶער פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן; אִיז זִיכֶער אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַארְפְן זֵיי נִישְׁט לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ.

דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְפִירְן אַז מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ קֶענֶען עֶנְגְלִישׁ אוּן יֶעצְט קֶענֶען זֵיי נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין וְכוּ׳, וְכוּ׳ - דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן; הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע בִּיזְנֶעסֶער אָן דֶעם וָואס זֵיי וֵוייסְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁרַייבְּט עֶנְגְלִישׁ וְכוּ׳, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דֶעם.

דֶערִיבֶּער אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן אַז דִי אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן לֶערְנֶען אִין דִי עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת זָאלְט אִיר שִׁיקְן דִי קִינְדֶער דַּוְקָא אִין דִי עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, עֶס וֶועט זֵיי גָארְנִישְׁט שָׁאדְטְן אִין לֶעבְּן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### צוּזַאמְנֶעמֶען דִי מֵיידְלֶעךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' אָנְגְרֵייטְן אַ שִׁיעוּר פַאר עֶנְקֶער צוּזַאמְקוּם.

זַייטְס מוֹדִיעַ פַאר אַלֶע מֵיידְלֶעךְ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיבֶּער דֶעם צוּזַאמְקוּם; אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו, אִיר זָאלְט דָאס אוֹיסְטֵיילְן פַאר אַלֶע מֵיידְלֶעךְ.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט דִי אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וְכוּ'; נֶעמְט זֵיי קַיין יַבְנְאֵל, וַוארֶעמְט זֵיי אָן זֵיי זָאלְן צוּזַאמֶען אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אַלֶע טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "יֶעדֶע בָּחוּר אוּן יֶעדֶע מֵיידְל וָואס וֶועלְן קוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל אוּן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים בַּיי מַיין צִיוּן, זָאג אִיךְ צֵי אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ"; זָאלְט אִיר מִיט זֵיי פָארְן קַיין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִים.

אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן נִישְׁט אֵיינְמָאל, נָאר כְּסֵדֶר מַאכְן מִיט זֵיי אַ נְסִיעָה צוּ דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ; אוֹיפְ'ן וֶועג קֶענְט אִיר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִין אַ שֵׁיינֶע שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שֵׁיינֶע נַאטוּר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועלְט, בִּתְנַאי אַז עֶס

זָאל זַיין בִּצְנִיעוּת, אֵיידֶל און נִישְׁט אִין גֶעגְנְוַוארְט פון מֶענֶער.

שְׁטַארְקְטְס זִיךְ און שְׁטַארְקְטְס אַייעֶרֶע חַבְרֶ׳טֶעס; וֶוען אִיר קוּמְט זִיךְ צַאם זָאלְט אִיר טַאנְצְן, בְּרֶענְגְטְס אַרַיין אִין דִי מֵיידְלֶעךְ שִׂמְחָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן אַוֶועק פַאלְן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַ שְׁלִיטָה נָאר אוֹיף דִיפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשְׁן - קֶען עֶר נִישְׁט בֵּייקוּמֶען. דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז אַלֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן און צֶעפְּלִיקְט דִי פַאלְן אַוֶועק און לָאזְן אָפּ דִי אִידִישֶׁע וֶועג - סַיי בַּיי מֵיידְלֶעךְ און סַיי בַּיי בָּחוּרִים, און דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ הָאבְּן לִיבּ דִי אִידִישֶׁע וֶועג. דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז בַּאפוֹילְן אַז מִיר מוּזְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת; וֶוען מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ שִׁיק מִיט אַייךְ אַ בְּרִיווּ אִיר זָאלְט דָאס אוֹיסְטֵיילְן בַּיים צוּזַאמְקוּם.

הַלְוַאי זָאלְט אִיר מַאכְן מֶער אָפְט דִי צוּזַאמְקוּם, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ב׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבֶ׳עֶ צוּזַאמְקוּם פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם.**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט דָא קַיין שְׁטֶערְקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. תְּפִלָּה טוֹישְׁט דִי טֶבַע, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּיב כָּךְ וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנָּה אֶת הַטֶּבַע", אֲפִילוּ דִי טֶבַע זָאגְט אֵיין זַאךְ, קוּמְט תְּפִלָּה און דְרֵיידְט אַלֶעס אִיבֶּער; פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס וֶועט אִיר נִישְׁט דַארְפְן קַיין חִיזוּק פוּן קֵיינֶעם, אִיר וֶועט זִיךְ אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן און זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן אֵיידְל און זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל; אִיר אַלֶע ווִילְט דָאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן און אִיר אַלֶע ווִילְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אִיר ווִילְט און אִיר וֶועט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער; דֶערִיבֶּער נֶעמְט

דִי בְּרָכָה אוּן הַבְטָחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ הַיינְט מִיט קִינְדֶער, מֶען זוּכְט עֵצוֹת פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, מֶען וֵויינְט, מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען מַאכְט אֲסוּפוֹת - 'וָואס טוּט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער?' אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל זָאגְט דֶער רֶבִּי צוּ אַז מֶען וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; פְּרֶעג אִיךְ אַייךְ, וֶוער פוּן אַייךְ וִויל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן...

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, אִיר זָאלְט זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג; עֶס אִיז אַזוֹי גוּט צוּ זַיין אַ אִיד, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער נִישְׁט אִיד אוּן דֶער וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי אַ אִיד - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, דֶער הָאט הֲנָאָה; פַארְקֶערְט, דִי וָואס טוּעֶן זִיךְ אָן שֵׁיין, רַייךְ אוּן אֵיידְל - דִי הָאבְּן אַ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ רוּת רַבָּה ד, ט): פַארְוָואס הָאט בֹּעַז גֶעוָואלְט חַתוּנָה הָאבְּן מִיט רוּת? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אוֹיף אִיר אַז זִי אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ; אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין פֶעלְד קְלוֹיבְּן לֶקֶט שִׁכְחָה אוּן פֵּאָה פוּן דִי זַאנְגֶען הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן פוּן דִי אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע תְּבוּאָה אוּן וֶוען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף דִי קְלֵייד אוּן דָאס אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, אָבֶּער רוּת הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן נָאר זִי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אוֹפַן אַז אִיר קְלֵייד זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) אַז עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דִי מֵיידְלֶעךְ לַאכְן אַרוּם מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט, אָבֶּער רוּת הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער אוּן נִישְׁט גֶעלַאכְט פוּן זֵייעֶרֶע וֶוערְטְלֶעךְ, דָאס הָאט אִים בַּאאֵיינְדְרוּקְט אַז דִי מֵיידְל אִיז אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת, אוּן פוּן דֶעם פָּארְפָאלְק אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דָוִד הַמֶּלֶךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַלֶע זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

...

## עֶס וֶוערְט גְרִינְגֶער אוֹיפְ׳ן הַארְצְן וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז טַאקֶע נָאךְ נִישְׁט נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶער בַּיי אוּנְז זִינְגְט מֶען שׁוֹין: ״אוּמַאן - אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה״.

הַיינְט הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייטֶער צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן; אִיךְ שִׁיק דִיר בִּילְדֶער ווִי מֶען בּוֹיט דֶעם בִּנְיָן.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אַלֶעס וֶוערְט מִיר שׁוֹין גְרִינְגֶער.

דִינְג שׁוֹין אַ בֶּעט בַּיי אוּנְז ווִי לַאנְג עֶס אִיז נָאךְ דָא בֶּעטְן.

מָארְגְן מִיטְוָואךְ וֶועט זַיין דֶער שִׁיעוּר הֲכָנָה לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה, קוּם צוּם שִׁיעוּר; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּרִיק שְׁלֶעפְּן צוּ דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייטְס פֶעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט צוּ פַאלְן פַאר אִיר אוּן נִישְׁט צוּ טוּן דִי עֶקֶלְדִיגֶע זַאכְן; שְׁפִּירְטְס נִישְׁט ווִי אַ חוֹזֶק וֶוען זִי מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַייךְ אוּן זִי ווִיל אַייךְ צוּרִיק שְׁלֶעפְּן צוּ דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק ווִי אַייזְן נִישְׁט צוּ טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טוּן.

וֶוען זִי דֶערְמַאנְט אַייךְ אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת, זִי שְׁפֶּעט פוּן אַייךְ מִיטְ׳ן עָבַר - זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר אִיר אַז דָאס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כה, יז): ״לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ״, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא נח:): ״אִם הָיָה בַּעַל

תְּשׁוּבָה לֹא יֹאמַר לוֹ: ׳זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים׳״, מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה: ״גֶעדֶענְקְסְט וֶוען דוּ הָאסְט גֶעפְרָאסְן נְבֵלוֹת אוּן טְרֵפוֹת?״ זָאגְטְס אִיר אַז זִי טוּט אַייךְ וֵויי מִיט דֶעם וָואס זִי דֶערְמַאנְט אַייךְ אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת.

אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן אֵיידְל - וֶועט אִיר בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

אִיר זָאלְט קֵיינֶעם קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַייעֶר עָבַר.

...

### ווי אַזוֹי צוּ פּוֹעֵל׳ן בַּיי דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט וָואס דוּ מֵיינְסְט; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען מֶען הָאט אַ וַוייבּ וָואס קְלַאפְּט אַרָאפּ דִי קִינְדֶער. מֶען זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער וֶוערְן בַּא׳עַוְולה׳עֶט עַל לֹא דָּבָר, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען דִי מַאמֶע נֶעמְט זִיךְ אוֹיף אֵיין קִינְד בַּאזוּנְדֶער אוּן קְלַאפְּט אוּן קְלַאפְּט אָן קַיין סוֹף; יֶעדֶע רֶגַע, יֶעדֶע מִינוּט הָאט זִי עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ זָאגְן אוֹיפ׳ן קִינְד, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען ווִיל אָנְהֵייבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ זִי זָאל אוֹיפְהֶערְן טֶערָארֶעזִירְן וְכוּ׳; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַלֶעס פַארְלִירְן.

בִּשְׁעַת עֶס גֵייט אָן דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט - זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן; אַז זִי וֶועט זֶען וִוי דוּ הֶעלְפְסְט אִיר, וִוי דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר - וֶועט זִי זִיךְ פוּן דֶעם אַלֵיינְס בַּארוּאִיגְן, זִי וֶועט אוֹיפְהֶערְן דִי גֶעשְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶוען אַלֶעס גֵייט פַארְבַּיי, עֶס אִיז שׁוֹין אַ רוּאִיגֶע מַצָּב - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר וֵוייכֶע רֵייד, זָאלְסְט אִיר מְחַזֵּק זַיין אַז זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן נִישְׁט קְלַאפְּן דִי קִינְדֶער.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיט אַ וַוייבּ דַארְף מֶען וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן; מֶען דַארְף רֶעדְן וֵוייעךְ, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט חָכְמָה. נִישְׁט אוֹיף אַ וֶועג וִוי מֶען הַאלְט אִיר פָאר, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יט, ג): ״כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל״; ׳בֵּית יַעֲקֹב׳ דָאס מֵיינְט מֶען דִי פְרוֹיעֶן,

און ׳בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׳ דָאס מֵיינְט מֶען דִי מֶענֶער, בַּיי דִי ׳בֵּית יַעֲקֹב׳ שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן: ״תֹאמַר״, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מְכִילְתָּא דִּבְחֹדֶשׁ, סִימָן ב; שַׁבָּת פז.): ״בַּאֲמִירָה רַכָּה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן מִיט וֵוייכֶע וֶוערְטֶער, און בַּיי ׳בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׳ שְׁטֵייט ״וְתַגֵּיד״, אַ שַׁארְפֶע לָשׁוֹן, פַאר זֵיי זָאל עֶר זָאגְן אַלֶע עוֹנְשִׁים וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן אִין שְׁטוּב.

מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ׳ן בַּיי אַ וַוייבּ, מֶען דַארְף נָאר וִויסְן אַפָּאר הַקְדָּמוֹת צוּ דֶעם; מֶען דַארְף קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר, אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, מֶען דַארְף אִיר לִיבּ הָאבְּן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּרֶסְלֶב שְׁטִיצְט בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי; דוּ הָאסְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דֶעם עוֹל פוּן דֶעקְן דִי רֶענְט פַארְ׳ן בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה, וָואס נֶעמְט אַרַיין דִי הַדְפָּסָה, דֶער כּוֹלֵל, דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה און אָפִּיסֶעס; בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הַצְלָחָה.

שֵׁנִית, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי זַאךְ וָואס דוּ מַאכְסְט יֶעצְט מִיטְ׳ן צוּזַאמְנֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר טוּט, מִיט וָואס עֶר אִיז זִיךְ מְפַרְנֵס; אַזוֹי אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַז עֶס זָאל וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דֶער גֶעדַאנְק: ״**בְּרֶסְלֶב שְׁטִיצְט בְּרֶסְלֶב**״; פַאר מֶען רוּפְט אֵיינֶעם צוּ פַארְרֶעכְטְן וְכוּ׳, וְכוּ׳, זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען: ״**בְּרֶסְלֶב שְׁטִיצְט בְּרֶסְלֶב**״.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה; יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאט זִיךְ דָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַיין סִיפּוּר הִתְקַרְבוּת, וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּם עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אוֹיפְ׳ן וֶועג פָארְנְדִיג קַיין ... - אַ שִׁיעוּר פוּן יְשִׁיבָה און דָאס הָאט אָנְגֶעצִינְדְן אַזַא פֵייעֶר אִין דִיר; פוּן דֶעמָאלְט הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט קָרוֹב צוּ

הוּנְדֶערְט מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

## וֶוען דֶער טַאטֶע זָאגְט אֵיין זַאךְ און דִי מַאמֶע זָאגְט אַנְדֶערְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי טַאטֶע זָאגְט יָא און דִי מַאמֶע זָאגְט נֵיין; וֶועם פָאלְגְט מֶען?

וֶוען דִי טַאטֶע זָאגְט אֵיין זַאךְ און דִי מַאמֶע זָאגְט פַארְקֶערְט דֶעמָאלְט דַארְף מֶען טוּן וָואס דֶער טַאטֶע הֵייסְט, אִין דַיין פַאל זֶעט אוֹיס ווִי זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דֶער צְוֵוייטֶער זָאגְט; וָואלְט דַיין טַאטֶע גֶעוואוּסְט אַז דַיין מַאמֶע ווִיל אַנְדֶערְשׁ אָדֶער דַיין מַאמֶע וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דַיין טַאטֶע זָאגְט פַארְקֶערְט - וָואלְטְן זֵיי צוּגֶעשְׁטִימְט אוֹיף אֵיין וֶועג. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אַז מֶען זָאגְט פַאר׳ן טַאטֶע׳ן: "מַאמִי זָאגְט יָא, וָואס טוּ אִיךְ?" אָדֶער מֶען זָאגְט פַאר׳ן מַאמֶע׳ן: "טַאטִי זָאגְט נֵיין וָואס טוּ אִיךְ?" דֶעמָאלְט וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַז בֵּיידֶע וֶועלְן זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע.

דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרֶער תַּלְמִידָה; דַיינֶע טִיטְשֶׁערְס דֶערְצֵיילְן מִיר נָאר גוּטְס אוֹיף דִיר, אוֹיךְ דַיין מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳ רֶעדְט פוּן דִיר זֵייעֶר שֵׁיין, דוּ מַאכְסְט מִיר אַסַאךְ נַחַת.

...

## אָפְּדְרוּקְן דִי בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג׳; דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה פַאר מִיר. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען ווִי מֶען דְרוּקְט אָפּ דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מְחַזֵק צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ אָנְיָאגְן דֶעם יָאר נָאךְ אַפָּאר

חֲלָקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָה אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

...

**אִיךְ בִּין גוּט מִיט דִיר, אָבֶּער מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן מַיין רֶבִּי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייעֶר גוּט הָאט אִיר גֶעטוּן אוּן אַזוֹי זָאלְט אִיר וַוייטֶער טוּן; וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אַייךְ אוּנְטֶערְרַייסְן אוּן מַאכְט חוֹזֶק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס גֶעבְּט אַייךְ לֶעבְּן, זָאלְט אִיר שַׁיין זָאגְן: "מִיר קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן אוּן זַיין גוּטֶע פְּרַיינְט נָאר אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶער נוֹשֵׂא אוּן קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק דֶעם צְוֵוייטְן; אִיךְ מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן דַיין חֲסִידוּת אוּן דוּ מַאךְ נִישְׁט קַיין גֶעשְׁפֶּעט פוּן מַיין פְּלַאץ".

בּוֹיטְס אוֹיף אַייעֶר מַאן; עֶר אִיז אַ טַייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר הָאט זֵייעֶר גוּטֶע מִידוֹת אוּן עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם, וִויבַּאלְד זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אִיז עֶר דֶערְשְׁרָאקְן וְכוּ'. עֶר דַארְף אַבִּיסְל שְׁטַארְקֵייט; אִיר מִיט אַייעֶר חָכְמָה קֶענְט אִיר אִים אַזוֹי שַׁיין אוֹיפְבּוֹיעֶן עֶר זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ.

זַייטְס מְקָרֵב נָאךְ פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן, דָאס וֶועט מְתַקֵן זַיין וָואס מִיר דַארְפְן אַלְץ פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי מְכַבֵּד סַיי דַיין טַאטֶע אוּן סַיי דַיין מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִיט דַיין טַאטֶע אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין עֶלְנְד, אֵיינֶער אַלֵיין.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין מִיט אִים וַוייל עֶר דַאוֶוענְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג; דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דַיינֶע נֶערְוֶוען, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם וְכוּ'; זָאלְסְטוּ אִין דִי צַייט אַהֵיים גֵיין קִידוּשׁ מַאכְן און זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן און וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ אִים בַּאגְלֵייטְן פוּן שׁוּל אַהֵיים און מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה מִיט אִים.

גֶעדֶענְק, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן קִינְדֶער און דוּ וֶועסְט אוֹיךְ וֶועלְן זַיין מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, און וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין טַאטֶע אַזוֹי וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער דִיר מְכַבֵּד זַיין.

זַיי מְכַבֵּד סַיי דַיין טַאטֶע און סַיי דַיין מַאמֶע, נֶעם נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין קְרִיגֶערַייעֶן, דוּ זַיי מִיט בֵּיידֶע; און אַז דַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס גֵייעֶן שָׁבוּעוֹת צוּ דַיין מַאמֶע זָאלְסְטוּ זַיין מִיט דַיין טַאטֶע, אִים צוּ מַאכְן אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי פַּארְטִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ח' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן מִיר אַ פְּרוּוֶען פַּארְטִי זוּנְטָאג פַּרְשַׁת קֹרַח, צַאמְצוּנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד; אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט הֶעלְפְן אַז דִי פַּארְטִי זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה.

דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי פַּארְטִי גֵייט פַאר אַייךְ צוּרִיק; אִיר מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה וֶועלְן פוּן דֶעם הַנָאָה הָאבְּן.

בִּיטֶע זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ'.

...

## אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט וְוִי אַזוֹי עֶס זֶעט נָאר אוֹיס; פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין תְּפִילִין, מִיט דַיין צִיצִית אוּן מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ״ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין הַקְדָּמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

מִיט דֶעם וָואס מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): ״כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ וְויל דִיר לַיידֶעוֶּען צוּם פִּדְיוֹן הַבֵּן פוּן מַיין אֵיינִיקְל נַחְמָן נָתָן בֶּן בְּנִי ר׳ שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר, וָואס וֶועט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פָארְקוּמֶען דָאנֶערְשְׁטָאג פַארְנַאכְטְס בַּיי מַיין זֵיידֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַמְּלַמְּדִים ... נֵרָם יָאִיר.**

בִּיטֶע אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר נָאר אִין צַייט; עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַחְרָיוּת אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר - וֶועלְן דַארְפְן הַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַארְ׳ן גַאנְצְן

טָאג. דִי מְלַמְּדִים וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט אוּן דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט אַז מֶען קוּמְט אִינְמִיטְן סֵדֶר הַלִּימוּד.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע אִיר זָאלְט שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל הָאבְּן דִי אַחְרָיוּת אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ.

...

## קִינְדֶער פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער זֶעעֶן אוֹיס ווִילְד, אָבֶּער זֶענֶען גָאלְדֶענֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בֵּיידֶע סִיבּוֹת זֶענֶען שְׁוַואכֶע סִיבּוֹת אַז אִיר זָאלְט צוּלִיבּ זֵיי טוּישְׁן צוּ אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד; עֶרְשְׁטְנְס, רוֹב מוֹסְדוֹת מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט בַּאצָאלְן אוּן וֶוען מֶען בַּאקוּמְט שׁוֹין יָא בַּאצָאלְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין דֶעקוּנְג וְכוּ׳, פַאר דֶעם אַלֵיינְס זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן וואו אִיר אַרְבֶּעט.

צְוֵוייטְנְס, דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז רוֹב קִינְדֶער דָארְט קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, רוֹב עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶע׳גֶט הַשֵּׁם יְרַחֵם, דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן מִמֵּילָא אִיז דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ׳, דָאס מַאכְט אַייךְ וֶועלְן טוּישְׁן אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַן אַנְדֶערֶע סְקוּל; עֶס דַארְף זַיין פַארְקֶערְט, דָאס דַארְף אַייךְ מַאכְן בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער, אוֹיפְהֵייבְּן דִי קִינְדֶער אוּן מוּטִיגְן דִי קִינְדֶער; וֶוער נָאךְ ווִי אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד קֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי סָארְט קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן אַרַיין שַׁיינֶען אִין זֵיי דִי אֱמוּנָה זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן.

קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער זֶעעֶן אוֹיס ווִילְד, זֵיי זֶעעֶן אוֹיס שְׁלֶעכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי גָאלְדֶענֶע קִינְדֶער, הַארְצִיגֶע קִינְדֶער; מֶען זֶעט עֶס טַאקֶע נִישְׁט אָן אוֹיף זֵיי, אָבֶּער אֵיינֶער מִיט אַבִּיסְל הַארְץ קֶען גְלַייךְ טְרֶעפְן זֵייעֶר נְשָׁמָה, זֵייעֶר הַארְץ. אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי אַבִּיסְל גֶעפִיל וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל, זֵיי וֶוערְן זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵייעֶר טִיטְשֶׁער, וְכַדוֹמֶה.

דָאס דַארְף זַיין דִי שְׁטְרֶעבְּן פוּן תַּלְמִידוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, ווִי מֶער טוּן מִיט

קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן אוּן פַארְלָאשְׁן, וְוי מֶער לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן אֵייניקְלֶעךְ.

...

## וְוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ פְּרוֹיעֶן וֶועגְן דִי פַּארְטִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר וֶועט קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן הֵיי יָאר מִיט דִי פְּרוֹיעֶן פַּארְטִי; צַאמֶענְעמֶען אַלֶע עֶלְטֶערְן פוּן דִי מוֹסָד אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן הֲנָאָה פוּנֶעם מוֹסָד אַז זֵיי זָאלְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן הָאבְּן מִיר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף גֶעהַאט גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִי פְּרוֹיעֶן פַּארְטִי; אַלֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי מוֹסָד הָאבְּן גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסֶע אַז עֶס זָאל זַיין דֶערִין הַצְלָחָה, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז הֵיי יָאר וֶועט עֶס אוֹיךְ זַיין מִיט הַצְלָחָה.

וֶוען אִיר רֶעדְט צוּ דִי פְּרוֹיעֶן גֶעבְּט זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דִי צְדָקָה וָואס מֶען נֶעמְט צַאם פוּן בַּאקַאנְטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה, דִי גַאנְצֶע גֶעלְט גֵייט פַאר זִיךְ אַלֵיין; מֶען טוּט אַ טוֹבָה נָאר פַאר זִיךְ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס וֶוערְן בַּאצָאלְט, זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אָן קַיין דְרוּק.

נָאךְ אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אוֹיבּ אִיר בַּאקוּמְט אַ בִּזָיוֹן, אֵיינֶער עֶפְּנְט אַ מוֹיל אוֹיף אַייךְ - זָאלְט אִיר דָאס הַאלְטְן פַאר זִיךְ אוּן נִישְׁט מַאכְן פוּן דֶעם אַ גֶערַאטְשְׁקֶע, נָאר אוֹיף דֶעם אוֹפָן קֶענְט אִיר אַרְבֶּעטְן פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד; אַז אִיר רוּפְט אָן אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי יֶענֶעם אִיז יֶעצְט פּוּנְקְט אַ שְׁלֶעכְטֶע מִינוּט אוּן יֶענֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן אוּן הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן וְכוּ׳, זָאלְט אִיר דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען אוּן דָאס קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיטְ׳ן בּוֹיעֶן דֶעם מוֹסָד.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ זָאגְט שְׁטֶענְדִיג: ״אוֹיבּ דוּ הָאסְט עֶפֶּעס גוּטְס צוּ זָאגְן אוֹיף

אַ צְוֵויטְן זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס זָאלְסְטוּ דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען - אֲפִילוּ עֶס הָאט אַ בֵּיין".

...

## מֶען דַארְף גֵיין מִיט חָכְמָה צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז אַייעֶרֶע חַבֶר'טֶעס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי אַזוֹי אִידִישֶׁע אֵיידֶעלֶע מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן זִיךְ פִירְן, זֵיי הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְס אָפְן צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט, זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן נִישְׁט אֵיידְל אוּן הָאבְּן מִיט בָּחוּרִים ה' יִשְׁמְרֵינוּ.

פוּן אֵיין זַייט אִיז נִישְׁט גוּט אַז אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין סְקוּל אוּן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי, וַוייל אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ אַלֵיין אָן חַבֶר'טֶעס.

דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אַייךְ אִיז אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן מִיט חָכְמָה אוּן גֵיין צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, ו): "בְּתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה", מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן מִיט'ן יֵצֶר הָרָע; גֵייטְס אַבִּיסְל אִין סְקוּל, אָבֶּער אִין דִי צַייטְן וָואס דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע - זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין דִי נֶעץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר פְּרָאגֶע וֶועט נִישְׁט זַיין פַאר צוּ לַאנְג, אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט שְׁנֶעל אַ כַּלָה וֶוערְן; אִיךְ הָאף צוּ זַיין אַייעֶר שַׁדְכָן.

...

## מֶען קֶען בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און זַיינֶע תַּלְמִידִים; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַזַא שֵׂכֶל וָואס נָאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ.

ווִילְסְט אוֹיךְ אַבִּיסְל פוּן דִי שֵׂכֶל? קוּק אַרַיין אִין דִי צַוָואָה וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן (צַוָואַת מוֹהֲרָ"אשׁ, אוֹת ח): "תָּמִיד תַּכְנִיסוּ בְּדַעְתְּכֶם וְיִהְיֶה לִפְנֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַנְהִיג אֶת עוֹלָמוֹ בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיּוּת וְאֵין בִּלְעָדוֹ יִתְבָּרֵךְ כְּלָל", אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכְקֵייט, "וְעַל כֵּן מַה לָּכֶם לִדְאוֹג עַל עוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם", דֶערִיבֶּער וָואס דַארְף אִיר זִיךְ זָארְגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ אַייךְ? "וּמַה לָּכֶם לְהִתְבַּלְבֵּל מֵאֲחֵרִים", וָואס דַארְפְט אִיר וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? "רְאוּ לְהַרְגִּיל עַצְמְכֶם לִבְרוֹחַ רַק אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ, וְכָל מַה שֶּׁאַתֶּם צְרִיכִים תְּבַקְשׁוּ רַק מִמֶּנּוּ יִתְבָּרֵךְ", גֶעווֹאוֹינְט אַייךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי וֶוערְטֶער: "מַה לָּכֶם לִדְאוֹג עַל עוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלָּכֶם", וָואס דַארְף אִיר זִיךְ זָארְגְן אוֹיף אַ וֶועלְט וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ אַייךְ? "וּמַה לָּכֶם לְהִתְבַּלְבֵּל מֵאֲחֵרִים", וָואס דַארְפְט אִיר וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן - דָאס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע שֵׂכֶל! דָאס בַּארוּאִיגְט אַזוֹי דֶעם מֶענְטְשׁ; מֶען הֶערְט אוֹיף זָארְגְן פְרֶעמְדֶע זָארְג, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן, מֶען וֵוייסְט און מֶען גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר, ווִיפִיל דַארְפְן מִיר טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען: "אַשְׁרֵינוּ - מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ!"

דִי וָואךְ וֶועט נִישְׁט פָּארְקוּמֶען דֶעם וֶועכְנְטְלִיכְן שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי; מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט זַיין דֶער פִּדְיוֹן הַבֵּן פוּן מַיין אֵיינִיקְל נַחְמָן נָתָן בֶּן בְּנִי ר' שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר, עֶס וֶועט פָּארְקוּמֶען בַּיי מַיין זֵיידֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן לֵצָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן לֵצָנוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען זָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ מִיט דְרֵיי תְּנָאִים: ״אָן קַיין נִיבּוּל פֶּה, נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס חֶשְׁבּוֹן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט זִיךְ מֵיינֶען״, אוּן דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״הַיינְט גֵייט זָאגְט וֶוערְטְלֶעךְ...״ וְוִי צוּ זָאגְן: ׳אִיז דֶען שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ אוֹיף דֶעם וֶועג?׳

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס פְּלֶעגְט קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג נֶעמֶען חִיזוּק, יֶענֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעדְרֵייט בַּיי אַ צְוֵוייטְן מְפֻרְסָם וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט לֵצָנוּת, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אַזוֹי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין צוּ יֶענֶעם מְפֻרְסָם, אָבֶער דָאס קֶען אִיךְ דִיר יָא זָאגְן, אַז דוּ גֵייסְט צֵי יֶענֶעם קוּם נִישְׁט צֵי מִיר, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן קַיין לֵצָנוּת, אַזוֹי וְוִי מִיר גֶעפִינֶען אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): ׳אַל תְּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב׳, אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי״; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וְוִי הַארְבּ לֵצָנוּת אִיז, וְוִי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט אוּן מִיט וֶועם עֶר חַבֶרְ׳ט זִיךְ וְכוּ׳, וְכוּ׳.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, סַיי מִיט דַיין חוֹדֶשְׁ׳לִיכֶע צְדָקָה פַאר דִי רֶענְט פוּנֶעם בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה אוּן אוֹיךְ פַאר דִי אַנְדֶערֶע צְדָקוֹת. דִי מוֹסְדוֹת הַאלְטְן אִין אֵיין וַואקְסְן מֶער אוּן מֶער; מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ קְלֵיינֶע יְשִׁיבָה אוּן הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֵיידְל סְקוּל, כּוֹלֵל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִין אוּמַאן עֶנְדִיגְט מֶען יֶעצְט אָנְגְרֵייטְן דִי גְרוּבֶּער פַאר וַואסֶער; פַארְיָאר אוּן פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער, אָבֶער מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועלְן מִיר דָאס יָאר הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט גֶענוּג וַואסֶער, אִיךְ שִׁיק דִיר דָא בִּילְדֶער פוּן דִי אַרְבֶּעט.

אִיךְ וְוִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט אוּנְז רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּרְךְ אֱמוּנָה שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ בַּאשׁוּצְט אוּן רוּאִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ נַייֶע פַּרְשָׁה, עֶס קוּמֶען פָּאר שְׁרֶעקְלִיכֶע רַאיָאטְן אִינֶעם גַאנְצְן לַאנְד; מֶענְטְשְׁן, רוֹצְחִים גֵייעְן אַרוּם רוֹיבְּן אוּן פְּלִינְדֶערְן גֶעשֶׁעפְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן פַאר קַיין שׁוּם אִיד.

מֶען זֶעט קְלָאר אַז פוּן הִימְל ווִיל מֶען אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי ווֶעלְט. מִיר זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז מִיר זֶענֶען בַּאקְוֶועם אִין אַמֶערִיקֶע; אַמֶערִיקֶע הִיט אוּנְז, אַמֶערִיקֶע אִיז שְׁטַארְק, אַמֶערִיקֶע אִיז רַייךְ. קוֹים וָואס מֶען הֵייבְּט אָן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן קָארָאנֶע אִיז מֶען אַרַיין אִין אַ נַייֶע פַּרְשָׁה פוּן דִי צֶעווִילְדֶעוֶועטֶע מַאסְן וָואס גֵייעֶן אַרוּם מַאכְן חָרְבָּנוֹת. קוֹדֶם הָאט מֶען זִיךְ גֶעדַארְפְט אַיינְשְׁפַּארְן אִין שְׁטוּבּ צוּלִיבּ קָארָאנֶע, יֶעצְט אִיז אַרַיין אַ גֶעזֶעץ אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אִין גַאס בַּיינַאכְט צוּלִיבּ דִי רַאיָאטְן; דָאס אַלֶעס מֵיינְט מֶען אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ וֶועלְן אַלֶע פְּחָדִים אַוֶועק גֵיין; אַז מֶען אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן כא): "כְּשֶׁיֵּשׁ הַכְנָעָה, עַל-יְדֵי-זֶה אֵין מוֹרָא בְּמִלְחָמָה", וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן מִלְחָמוֹת, "כְּאִלּוּ הוּא יוֹשֵׁב בְּמָצוֹר", מֶען אִיז אַזוֹי זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַזוֹי ווִי מֶען זִיצְט אִין אַ פֶעסְטוּנְג; אֱמוּנָה שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי שְׁטָאטִישֶׁע אָפִיסֶעס וָואס מַאכְן דִי פַּאסְפָּארְטְן זָאלְן זִיךְ שׁוֹין עֶפֶענֶען, ווַייל זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּאסְפָּארְט פַאר זֵיי אוּן פַאר דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אֵיין עֵצָה: "תְּפִלָּה", בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

נאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס זָאל שׁוֹין זַיין "תִּכְלֶה שָׁנָה וְקִלְלוֹתֶיהָ", דִי יָאר מִיט אַלֶע אִירֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן, "תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ", עֶס זָאל קוּמֶען אַ נֵייעֶ יָאר, נָאר מִיט גוּטְס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ שִׁיק דִיר נָאךְ בִּילְדֶער וִוי מֶען גְרָאבְּט דֶעם וַואסֶער בַּאסֵיין; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר הָאבְּן גֶענוּג וַואסֶער אוֹיף יוֹם טוֹב פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם.

עֶס קֶען זַיין אַז צוּלִיבּ דִי נֵייעֶ גֶעזֶעץ אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אִין גַאס נָאךְ אַכְט אַזֵייגֶער וֶועט דֶער פִּדְיוֹן הַבֵּן פוּן מַיין אֵיינִיקְל דַארְפְן זַיין פְרִיעֶר, אִינְמִיטְן טָאג; אִיךְ וֶועל דִיר מוֹדִיעַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י"א סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּ תְּשׁוּבָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים; זָאג: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי"**, זָאג: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה".**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נח, ח): "אֵין מַכָּה בָּעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מַכָּה וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶעם אַ רְפוּאָה, "רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע - תְּשׁוּבָה", דֶער רְפוּאָה אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע אִיז תְּשׁוּבָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי; קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען. מֶען קֶען אוֹיף אַלֶעס תְּשׁוּבָה טוּן, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן קֶען מֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא הַיָּשָׁן וַיֵּרָא, סִימָן טז): "אִם בְּיַד אָדָם כַּמָּה עֲוֹנוֹת וְהוּא שָׁב לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הוּא מַעֲלֶה עָלָיו כְּאִילוּ לֹא חָטָא", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּאִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ פַּאר אַ קָאמְפֵּיין צַאמְצוּנֶעמֶען צְדָקָה פַּאר דִי מוֹסָד; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אוּן אַנְטֵייל נֶעמֶען אִינֶעם קָאמְפֵּיין, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע, דַיינֶע פְּרַיינְט אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זָאלְן גֶעבְּן צְדָקָה פַּאר דִי מוֹסָד וָואס הֶעלְפְט דִיר אוּן דַיינֶע קִינְדֶער. דִי גֶעלְט וָואס מֶען נֶעמְט יֶעצְט צַאם וֶועט גֵיין נָאר פַּאר דִיר אוּן פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ ווילְסְט אַנְטֵייל נֶעמֶען בִּיטֶע זִיךְ פַּארְבִּינְדְן מִיט הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר.

זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

Keren Hadfusa of Breslev
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205-1509
P: 718-387-2691
Email: Mail@kerenhadfusa.org